עס האָט ליב זיין ברודער, דער בלייבט אין דעם
ליכט, און קיין מכשול איז אין אים נישט פאַראַן.
11 ווער אָבער עס האַסט זיין ברודער, דער איז אין
דער פינסטערניש, און וואַנדלט אין דער פינ־
סטערניש, און ווייסט נישט וואו אַהין ער גייט, ווייל
די פינסטערניש האָט אים פאַרבלענדט די אויגן.
12 איך שרייב צו אייך, קינדער, ווייל די זינד זענען
13 אייך פאַרגעבן געוואָרן צוליב זיין נאָמען. איך
שרייב צו אייך, יונגעלייט, ווייל איר האָט גובר
געווען דעם בייזן (שטן). איך האָב געשריבן צו
14 אייך, קינדער, ווייל איר קענט דעם פאָטער. איך
האָב געשריבן צו אייך, פאָטערס, ווייל איר קענט
אים, וועלכער איז פון אָנהייב אָן. איך האָב גע־
שריבן צו אייך, יונגעלייט, ווייל איר זענט שטאַרק,
און ג־טס וואָרט פאַרבלייבט אין אייך, און איר האָט
15 גובר געווען דעם בייזן (שטן). האָט נישט ליב די
וועלט, אויך נישט די זאַכן, וואָס זענען אין דער וועלט.
אויב איינער האָט ליב די וועלט, איז דעם פאָטערס
16 ליבע נישט אין אים. ווייל אַלץ, וואָס געפינט זיך אין
דער וועלט, די גלוסטיקייט פון דעם פלייש און די
תאווה פון די אויגן און דער שטאָלץ פון לעבן, איז
נישט פון דעם פאָטער, נאָר פון דער וועלט. און די
17 וועלט פאַרגייט און די גלוסטיקייט דערפון; ווער אָבער
עס טוט ג־טס רצון, דער האָט אַ קיום אויף אייביק.
18 קינדער, עס איז די לעצטע שעה; און ווי איר
האָט געהערט, אַז דער אַנטי־משיח קומט, אַזוי
זענען איצט פאַראַן אַ סך קעגנער פונם משיח;
דערפאַר ווייסן מיר, אַז עס איז די לעצטע שעה.
19 פון אונדז זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, נאָר זיי זענען
נישט געווען פון אונדז; וואָרום אויב זיי וואָלטן
געווען פון אונדז, וואָלטן זיי געבליבן מיט אונדז;